## בס"ד. משיחת כ"ו תשרי ה'תשמ"ח

**– להאורחים שיחיו ב"יחידות" –**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

אזוי ווי ס'איז דאך דער כלל אז "פותחין בברכה", אז וואס פאר א געלעגנהייט עס זאל נאר זיין דארף מען אנהויבן מיט אן ענין של ברכה פאר יעדער אידן און פאר אלע אידן, בתוך כלל ישראל,

אפילו ווען די געלעגנהייט איז וואס מ'האלט בא געזעגענען זיך און מ'פארט צייטווייליק פאנאנדער; צייטווייליק במיוחד – דערפאר וואס בקרוב ממש קומט דאך משיח צדקנו –

איז אדרבא, דוקא מצד דערויף וואס מ'האלט בא, צייטווייליק עכ"פ, פאנאנדער פארן זיך – איז דעמולט איז נאכמער גוט און נאכמער ווערט אויפגעטאן, דורך דערויף וואס מ'גיט-מיט ברכות נוספות אויף די ברכות הרגילות (אויף די געוויינליכע ברכות) וואס יעדער איד ווינטשט יעדער אידן און אלע אידן,

וואס די נקודה אין דערויף איז, אז בשעת מ'פארט זיך פאנאנדער – בלייבט אבער במחשבה פון יעדער איינעם און יעדער איינע, די אידן מיט וועלכע מ'האט זיך געטראפן, בפרט נאך אין חודש תשרי, און מ'האט צוזאמען פארבראכט סיי די טעג פון "ימים נוראים" סיי די טעג פון ימי השמחה, און פארבראכט אין דער זעלבער סוכה, ובפרט נאך אין דער שמחה פון שמחת תורה, און שבת בראשית וואס גלייך נאך דערויף,

אז אזוי ווערט אזוי אויך פון בראשית, פון "אנהויבס" פון דעם גאנצן יאר, ווערט דאס דערנאך נמשך אין דעם גאנצן יאר,

און נאכמערער, וויבאלד אז פון טאג-צו-טאג איז דאך יעדער איד האלט דאך אין איין וואקסן אין אלע זאכן פון אידישקייט און גוטסקייט, איז ווערט ער דאך אלץ מער שטארקער און אלץ מער לעבעדיקער און אלץ מער אידישער, און דאס אלץ אין א מער ליכטיקן אופן –

ווערן די אלע ענינים צוגעגעבן נאכמער אין דערויף מיום ליום, ביז פון שעה צו שעה,

ובפרט נאך ווי כאמור, אז בשעת מ'קלייבט זיך צוזאמען אויף זאגן "צאתכם לשלום" – זאגט מען גלייך אז דער "צאתכם לשלום" איז פארבונדן אז די יציאה, דער גיין, דער פאנאנדערגיין זיך, זאל זיין אין דער ריכטונג אויף שטייגן אלץ מערער אין אלע זאכן פון גוטסקייט און אידישקייט,

עאכו"כ – פון "כלל גדול בתורה" וואס דאס איז "ואהבת לרעך כמוך" – אין טאן א טובה יעדער אידן און אלע אידן, אין יעדער וועג אין וועלכער מ'קען:

און דאס, כאמור, איז נאכמערער ממשיך דעם אויבערשטנ'ס ברכות, וויבאלד אז דער אויבערשטער זעט אז אידן זיינען "כולנו כאחד" – האט אבינו שבשמים דעם גרעסטן פארגעניגן,

ווי דער אלטער רבי האט מסביר געווען, און נשיא דורנו האט דאס דערציילט און געהייסן אפדרוקן, אז ס'איז דער גרעסטער תענוג בא דעם אויבערשטן, אז ער זעט אז אידן,

כאטש מ'איז פאנאנדערגעשפרייט און מ'איז פארשידנארטיק אין זייער באשעפטיקונג און אין זייער פרנסה און אין זייערע ענינים און די שליחות זייערע אויך וואס זיי דארפן אויפטאן אין וועלט;



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת נח

צוזאמען דערמיט, אוואו נאר ס׳איז שייך צו א צווייטן אידן ווערט דאס, כאמור, ״כולנו כאחד״, און ניט נאר ״כאחד״, נאר – ״כאיש אחד ובלב אחד״,

וואס דאס אלץ פארשטארקט נאכמערער אויך די ברכות בנוגע וואס ס׳איז נוגע צו די אייגענע בני-בית, און זעלבסטפארשטענדלעך אויך וואס ס׳איז נוגע בנוגע צו זיך אליין.

און אין אן אופן ווי געדעדט שבת בארוכה, אז עס זאל זיין ״נח נח״ צוויי מאל, אז מ׳האט די אלע ענינים מתוך מנוחת הנפש ומנוחת הגוף – א צווייענדיקע מנוחה, סיי פון דעם נפש און סיי פון דער גוף, און סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, און סיי בענינים וואס מ׳טוט פאר זיך סיי בענינים וואס מ׳טוט פאר א צווייטן,

וואס דאס זעט מען דאך דעמולט בטבע בני אדם, אפילו ניט-אידן, אז בשעת זיי האבן מנוחת הנפש ומנוחת הגוף – טוען זיי אלע זאכן וואס זיי ווילן טאן מיט מערער הארציקייט און מיט מערער שלימות און מיט מער הצלחה,

עאכו״כ אז דאס רעדט זיך וועגן אידן וואס זיי זיינען יעדערער פון זיי ״בנים אתם לה׳ אלקיכם״, און אויף יעדערן פון זיי זאגט מען ״ועמך כולם צדיקים״,

און אויף יעדערן פון זיי זאגט מען, אז קומענדיק פון חודש תשרי, ווי נשיא דורנו האט איבערגעגעבן אז דעמולט הויבט מען אן ״פאנאנדערפאקן״ די ״פעקלעך״ וואס מ׳האט באקומען פון דעם אויבערשטן, ״מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה״, פון כל טוב רוחני וגשמי –

איז קומענדיק פון תשרי ״פאקט מען דאס פאנאנדער״ און מ׳שטעלט אוועק יעדער ברכה און יעדער טוב אין זיין פאסיקן ארט, און אין אן אופן וואס די ברכה און דער טוב טוט-אויף אין דעם מאקסימאלסטן אופן,

וכאמור – ״נח נח״ – מתוך מנוחת הנפש ומנוחת הגוף,

במילא איז דאך זעלבסטפארשטאנדליך אז דער אויבערשטער גיט בני חיי ומזונא רוויחא, און אין אלעם ״רוויחא״, אפילו אין דעם רוויחא,

און ס׳ווערט דערנאך דער ״לך לך״: אט דאס וואס מ׳גייט זיך פאנאנדער – גייט מען דאך ווי חסידות טייטשט-אפ אז ״לך – לך, אז בשעת ס׳גייט אברהם, דער ערשטער איד, איז ער געגאנגען איז בשעת ניט-אידן האבן דאס געזען -האבן זיי געזען ווי ער גייט פון איין ארט, פון איין לאנד אין א צווייטער לאנד, פון איין שטאט אין א צווייטער שטאט;

די אמת׳ע זאך פון זיין גאנג, פון דעם ״לך״, איז געווען, ווי חסידות טייטשט דאך אפ, אז א איד גייט ווי ער דארף צו גיין, אט דעמולט ווערט זיין גיין ״לך״ – ער גייט אלץ נעענטער און פנימיות׳דיקער און מער פארבונדנקייט צו זיך אליין, וואס דאס איז זיין פנימיות הנפש, וואס דאס איז ״חלק אלוקה ממעל ממש״,

במילא איז דאך זעלבסטפארשטענדלעך ווי דער פסוק איז דערנאך ממשיך אז דער אויבערשטער זאגט גלייך, אז בשעת ס׳וועט זיין ״לך לך״, בפרט לויט אט דעם אפטייטש פון חסידות – וועט דאס גלייך ברייננען דעם אויבערשטנ׳ס ברכות אין אלע זאכן וואס מ׳נויטיקט זיך,

אנהויבנדיק ווי דערמאנט פריער ״נח נח״ בכפליים, און כל טוב רוחני און כל טוב גשמי.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.